פּרץ מאַרקיש    PERETZ MARKISH

## ש. מיכאָעלס — אַ נר תמיד בײַם אָרון

1

דײַן לעצטער אױפֿטריט פֿאַרן פֿאָלק
צװישן בראָכשטיקער מיט שנײ באַשאָטן.
נאָר — אָן דײַן װאָרט, נאָר — אָן דײַן קול.
בלױז דײַן פֿאַרקילטער אָטעם...

אָבער מיר הערן אױך איצט, װי אַלע מאָל,
דעם אומזיכטיקן שאָרך פֿון אָדלער־פֿליגל דײַנע,
װאָס אָנגעטאָן האָט דיר דאָס פֿאָלק,
זאָלסט זײַן זײַן טרײסט, זײַן אָפּקלאַנג און זײַן טענה.

דער פֿאָרהאַנג לאָזט זיך ניט אַראָפּ,
די לעמפּ אין זאַל זענען ניט אױסגעלאָשן.
עס שטראַלט דײַן שלאָפֿנדיקער לײבנקאָפּ
און פֿון געשטאַלטן שװעבנדע — דאָס אומשטערבלעכע לשון.

געזעגענען מיט דיר מיר קומען זיך אַהער,
דורך װאָנען האָסט װי אָפּקלאַנגען פֿון דורות פּײַנען
געטראָגן זינגענדיק שלום־עליכמס טרער,
זי זאָל זיך װי אַן אײדלשטײן צעשײַנען...

2

אַ שטראָמיקער אָנשלאָג. מיט פֿאָלק איז פֿול
דײַן לעצטע פֿאָרשטעלונג. דײַן לעצטע איבעראַשונג.
צום אָרון לאָזן זיך אַראָפּ אין ערן־קאַראָול
געשפּענסטער, װאָס באַלעבט דו האָסט װי אַ מכשף.

עס פֿעלט ניט קײן פּאַריק אַצינדערט דיר,
דער קעניגלעכער מאַנטל — איבעריק איז נאָך מער,
אױף צו דערזען, אַז דו ביסט קעניג ליר,
װאָס אױסגעביטן האָט די קרױן אױף חכמה...

קײן גרים און קײן געדאַכט.
די פֿאַרבן װײנען אױף דײַן טיש, פֿאַריתומטע. קוק אָן זײ...
נאָר האָצמאַך גיט אַ פֿאַל אין גאַנצן טראַכט,
כאָטש שטערן פֿאַלן ניט, כאָטש שטערן בלאָנדזשען.

זײ װאַכן אױף אונטער דער אָבֿלשער מוזיק
און שװעבן אָן דורך פֿאַלדן פֿונעם פֿאָרהאַנג,
מיט שטילן שאָרך, אַראָפּגעלאָזט אין פּײַן דעם בליק, —
זײ װעלן אין דער אײביקײט אַרײַנטראָגן דײַן אָרון.

3

פֿאַרדעקט די װוּנדן האָט אױף דײַן געזיכט דער שנײ,
באַרירן זאָל דיך ניט פֿון פֿינצטערניש דער שאָטן,
נאָר ס׳ברױזט אין דײַנע אױגן, טױטערהײט, דער װײ,
און ס׳שרײַט די פּײַן פֿון האַרץ פֿון דײַן צעטראָטנס:

„כ׳װיל קומען, אײביקײט, פֿאַר דײַן געשענדטער שװעל
מיט מאָרדצײכנס און לעסטער אױפֿן פּנים,
װי ס׳גײט אַרום מײַן פֿאָלק אױף פֿינף זעקסטל װעלט, —
געצײכנט פֿון דער האַק און האַס, — זאָלסט עס דערקענען.

דו זאָלסט עס איבערלײענען, אַרײַנקריצן אין זיך,
מיט דײַן ניט צוטריטלעכן גלײַכגילט פֿאַרגעדענקען:
— פֿאַר יעדער װוּנד אױף מײַן צעמאָרדעטן געזיכט
געמיטן האָט אַ מאַמע מיט אַ קינד די הענקער...“

## SH. MIKHOELS—
## AN ETERNAL LIGHT AT HIS CASKET

1

Your last appearance before your people
Among broken rocks bedecked with snow,
But—without your word—without your voice.
Nothing but your frozen breath . . .

Yet we hear now too, as always,
The unseen rustle of your eagle wings,
In which our people clothed you,
To be its solace, echo, and its plea.

The curtain does not descend,
The lights are not extinguished.
Your sleeping lion-head shines forth
And from your figures hovering—your immortal tongue.

Here we've come to say farewell to you,
To you who could, like echoes of long ages pain,
Carry songfully Sholom Aleichem's tear,
That would like precious gem gleam forth.

2

A flooding onrush. Your last appearance
Is peopled dense. Your last sensation.
Onto your casket an honor guard descends
Of spirits made living by your magic grace.

Now and here you need no wig,
A royal cloak—is even more unneeded,
To see that you are indeed King Lear
Who his crown for wisdom bartered . . .

No make-up, no gesture,
The colored jars are weeping, orphaned. Look at them . . .
But Clown falls with noisy crash,
Though stars don't fall, though stars wander without aim.

They are awakened by the scornful music
And hither swarms up through curtain's fold,
With silent rustle, their glance cast down in pain—
They will carry your casket into eternity.

3

The wounds on your face the snow has covered,
That shadow of darkness shall not touch you,
But in your eyes, though dead, rages agony,
And from your trampled heart it cries:

"I want to come, Eternity, before your dishonored threshold
With hurt and murder-scars upon my face,
Just so my people walks about on five-sixths of the globe—
Marked by axe and hate—that you should it behold.

You are this to read, carve it on yourself,
And with your unapproachable indifference memorize:
—For every wound on my bruised and beaten face
A mother with a child escaped the hangmen . . .

א, נים פֿאַרטויבט האָט דיך די האַנט פֿון מאָרד,
דער שניי האָט נים פֿאַרהילט דעם מינדסטן סימן;

דער ווײ פֿון די צעבײַלטע אויגן דײַנע מאַנט,
פֿון אונטער ווײַעס רײַסט ער זיך, ווי בערג — צום הימל.

Oh, the hand of murder did not silence you,
Snow has not covered the smallest sign;
The pain from out your blackened eyes implores,
Striving forth from under brows—like hills—to heaven.

4

אַ שטראָם פֿאַרבײַ און שטראָמען נײַע קומען אָן.
און ס'קײטלען אײנס אין אַנדערן זיך מענטשן-צײַגן:
באַערן וועלן דיך מיט אויפֿשטײן זעקס מיליאָן,
געמאָרדעטע, פֿאַרפּײַניקטע — הרוגים,

ווי דו האָסט זײ באַערט מיט אומפֿאַלן פֿאַר זײ
אין מיטן נאַכט, אַלײן, אין אומגעהײַערע יסורים,
אויף מינסקער חורבֿות און אויף מינסקער שנײ,
אין פֿינצטערן זאַווײ, אין ווירבלענדיקן שטורעם.

גלײַך וואָלסט זיך טויטערהײט נאָך אײַנגעשטעלט
פֿאַר זײער פּײַן, פֿאַר זײער רו, פֿאַר זײער כּבֿוד —
אַ בלוטנדיקער פֿאַרוואָרף צו דער וועלט —
מיט פֿראָסט אויף בראָכשטיקער פֿאַרקאָוועט...

און ס'שטראָמט דער טרויער. שטומערהײט ער מאָנט.
אַדורך דעם האַרץ פֿון גאַנצן פֿאָלק דײַן בראָך אַדורך איז:
ס'באַערן אין די קבֿרים דיך מיט אויפֿשטײן זעקס מיליאָן,
ווי דו האָסט זײ מיט אומפֿאַלן באַערט אויף מינסקער חורבֿות.

4

A stream gone by,
And people-lines entwine one in another:
With resurrection you six million honor,
Murdered, tortured,—victims,

As you honored them by falling down before them
At midnight, alone, in unimaginable agonies,
On ruins of Minsk, on snows of Minsk,
In darkening storm, in whirling blizzard.

Though dead, you would straightaway have interceded
For their pain, their peace, their honor
A bleeding challenge to the world—
Forged with frost on broken rocks . . .

And mourning streams. Dumb, it pleads.
Clear through the heart of all your people went your misfortune:
In their graves by arising honor you the millions six,
As you by falling did honor them amidst ruined Minsk.

5

שלאָף רויִק, שלאָף, קײן זאָרג איז מער אויף דיר נים חל.
עס דוכט, אַז טויטערהײט באַטראַכטסט נאָך עפּעס בליציק, —
נאָך לײַכט אויף דיר דער גײַערישער שטערן פֿון מאָראַל,
נאָך זינגט דורך דיר די דודע פֿון רבי לוי יצחק.

לעשט זיך דען ליבשאַפֿט אוים פֿון פֿינצטערן זאַווײ?
צי קען אַ שנײ דען צודעקן דעם צאָרן?
ווי אַנגעצונדענע ווי בענטשליכט צווײ
לײַכטן די הענט דײַנע אַרוים פֿון אָרון.

פֿלעגסט ליב האָבן די אויגן צומאַכן פֿאַרקלערטערהײט,
ווען האָסט עפּעס אַדורכגעטראַכט, כּדי צו זען עס קלאָרער,
איצט האָלטסטו הינטער זײער שלאָס דעם ווײ,
נים אויספּליעסקען זאָל ער זיך דאָ איבער דעם אָרון.

אַזוי פֿיל ליכט איז אַרום דיר — פֿון שפּיגלען — הויל,
פּונקט ווי גרימירן קלײַבסטו זיך פֿאַר אַ פּרעמיערע...
עס דוכט: — אָט באַלד וועט אַ באַוועג טאָן זיך דײַן מויל
און „מיט דער רעכטער פֿוס“ זיך לאָזן צו די שטערן...

5

Sleep in peace, sleep, no care concerns you.
It looks as though you flash a thought though dead—
Still shines from you the proud and moral brow,
Still sings through you the plea of Levi Yitshok's *Thou*

Is love extinguished by a darkening storm?
Can a snowfall really blanket fire?
Like two Sabbath candles kindled
Shine your hands from out your bier.

You used to like to close your eyes in thought,
When you pondered something, to see it clearer,
No you keep beneath their lock, your pain,
May it not gush forth here before your bier.

There's so much light around you—yet of mirrors, none.
Just so readied your first-night make-up . . .
As if: your mouth's about to stir
And "with the right foot" off to the stars you've gone . . .

6

און שטאָף דײַנע געזיכט-צוגן פֿאַרוואַנדלען צריק
נעמט זיך דער טויט באַצײַטנס די צעשטערערישע מי שוין;
זאַפּ אײַן אין דײַן געוועב צום לעצטן מאָל מוזיק,
זי — דײַן געליבטע איז — פֿון מסעות בנימין השלישי.

6

Your face turns back to stuff unlined
And death does its ruinous work betimes;
Absorb your tissue this last time music.
It is—your beloved—from *Third Benjamin Abroad*.*

---

* A picaresque novel by Sholem Yankev Abramovitsh (1878) and made into a play by the Moscow State Yiddish Theater.

אונטער די קלאַנגען, אָנגעזויגענע מיט טרערן און מיט ליכט,
גיי אין דער אייביקייט אַרײַן מיט ניט דערמאָלטע פֿאַרבן
און שעם זיך ניט מיט דײַן פֿאַרווונדעט אוראַלטן געזיכט,
מיט דײַן אַדורכגעלעכערט מלכותדיקן שאַרבן.

דאָס איז דײַן וואָרט אין בלוט, דײַן העכסטער גרים,
אין וועלכן טויטערהייט דו לעבסט איבער דער בינע, —
גיי אין דער אייביקייט אַרײַן — דײַן אויפֿטריט איז באַרימט,
דיך וועלן פּליעסקענדיק באַגעגענען די שטערן פֿון באַגינען.

ערגעץ אין הימל, צווישן בלאָנדזשענדיקער בלאַנקענדיקער שײַן,
זיך טוט אַ צינד אַ שטערן אין דײַן לויכטנדיקן שם אָן;
שעם זיך ניט מיט דײַן געלעסטערטקייט און מיט דײַן פּײַן,
— זאָל די אייביקייט זיך שעמען!

Along with sounds, sucked full of tears and light,
Go to eternity with pains uncolored,
Be not ashamed of your wounded ancient face,
Of your smashed and broken kingly pate.

This is your word in blood, your noblest paint,
In which, a corpse, you outlive the stage—
Go into eternity—your appearance is renowned,
The stars of dawn will greet you with applause.

Somewhere in heaven, midst wandering gleaming shine,
A star lights up in your brilliant name;
Be not ashamed of your defilement and your pain,
—Let eternity be ashamed!

ז

דער פֿאַרהאַנג לאָזט זיך ניט אַראָפּ.
ניט פֿאַר דעם טויט שליסן די אויגן דײַנע זיך אַצינדער צו שוין,
עס וועט אַ דור אַ גאַנצער טראָגן שטאָלץ דײַן גאָב,
ווי דו פֿון פֿאָלק — די גאָלדענע ירושה.

גייסט ניט אַוועק פֿון אונדז.
דרינגסט אין אונדז טיפֿער נאָך אַרײַן מיט צײַטיקײַט באַלאָדן,
ווי ס'דרינגט אונטער דער וואַרעמקייט פֿון זון
דער זאָם אַרײַן אין אויפֿגעווייקטן באָדן.

מיר וועלן מער ניט אָנקלאַפּן אין טיר
פֿון אַרבעט־צימער דײַנעם, דערזען דײַן פּראָפֿיל,
נאָר אָן אַ קלאַפּ אַרײַנגיין וועלן מיר
אין האַרץ אין דײַנס, וואָס איז פֿאַר יעדן אָפֿן,

וואָס האָט צו אַלעמען באַלאַנגט,
ווי סע באַלאַנגט די זון, די בערג און טאָלן...
און ווײַטער — מיטן טרוים פֿון אונדזער לאַנד
אין דר'הייך, ווי אויף אַ גאָלדענער גאָנדאָלע.

ז

The curtain does not descend.
Not ere death do your eyes now close,
a whole generation proud will carry your gift,
As you your people's—golden heritage.

You do not depart from us.
You enter all the deeper into us laden ripe,
As under the sun's rays warm
A seed deep penetrates into the weakened earth.

We'll no longer knock at the door
And see your profile in your room,
But without a knock we'll enter
Into your heart, open bare to all,

That to all belonged,
As does the sun, the hills and vales . . .
And beyond—with the dreams of our land
On high, as on a golden gondola.

*translated by Herbert H. Paper*

1948

---

[בראָך־שטיקער] (ז' 489) — 1940 ? — 1943 ?. פֿון 1943. אין 1943 דריטער טייל פֿון הא לחמא. פֿעלט אָבער אין איקוף־אַלמאַנאַך 1961 ווו הא לחמא איז איבערגעדרוקט פֿון אַ מאַנוסקריפּט, אין וועלכן די לידער זײַנען בדרך כלל פֿון 1940. אין רוסיש, אין 1957, געדרוקט ווי אַ באַזונדער ליד מיט דער דאַטע 1943. דאָס ליד הייסט אויף רוסיש Осколки, פֿון דאַנען דער צוגעגעבענער טיטל פֿונעם ליד. אַזוי ווי פֿאַר מאַרקישס לעבן איז דאָס ליד געווען געדרוקט

ווי אַ טייל פֿון הא לחמא איז מן הסתם דאָס ליד, וואָס איז געשריבן אין דער זעלביקער פֿאָרם, אויך פֿון 1940. הא לחמא איז דאַטירט אין דער רוסישער אויסגאַבע פֿון 1945 פֿאַר מאַר־קישס לעבן.

ש. מיכאָעלס — אַ נר־תמיד בײַם אָרון (ז' 508־512). די טיילן 1 און 7 געדרוקט צום ערשטן מאָל אין אייניקייט פֿון 17טן יאַנואַר 1948 ; 1־6 אָפּגעדרוקט אין טאָג־מאָרגן־זשורנאַל פֿון 31סטן מערץ 1957 מיט פֿאָלגנדיקער באַמערקונג פֿון חיים שאָשקעס : „איך גיב איצט איבער דער עפֿנטלעכקייט דעם פֿולן טעקסט פֿון פּרץ מאַרקישעס אַ ליד, אין וועלכן ער באַצייכנט צום ערשטן מאָל אין סאָוועט־רוסלאַנד, דעם טויט פֿון... ש. מיכאָעלס אַלס ,מאָרד'... איך באַזיץ דעם דורך אים געשריבענעם אויף אַ מאַשין אָריגינאַל... מיט אייגנהענטיקע פֿאַר־ריכטונגען. דער דאָזיקער אָריגינאַל איז נאָך זײַן אַרעסט דעם 27סטן פֿעברואַר 1949 אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון זייער אַ נאָענטן פֿרײַנד, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין אַ שטאָט אין

דרום־רוסלאַנד. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפֿן און איך האָב דאָס ליד באַקומען." ווײַזט אויס אַז אין דער קאָפּיע וואָס ח. שאָשקעס האָט באַקומען פֿעלט אַ זײַט מיט 7. אין דער איינציקער רוסישער איבערזעצונג, אין 1957, זײַנען פֿאַראַן 1־7. דאָ 1־6 לויט טאָג־מאָרגן־זשורנאַל (אויך איבערגעדרוקט אין יודישע קולטור (ניו־יאָרק), נומ' 5 (1957) און די גאָלדענע קייט (תּל־אָבֿיבֿ), נומ' 43, (1962)) און 7 — לויט אייניקייט. אין אייניקייט, 1, צווייטע שורה : „צווישן די בראָכשטיקער פֿון מינסק מיט שניי באַשאָטן" ; אין שורה 8 : „תּענוג" אַנשטאָט „טענה" ; שורה 16 : „זי זאָל זיך ווי אַן אידלשטיין אין לאַנד בײַ אונדז צעשײַנען...".